בעזרת השם יתברך

# פרקים ט׳-י׳

## • חיי שרה •

❖

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

ווי אַזוי מנהיגים דאַרפן פירן זייערע קהילות מיט רחמים, און נישט אַרויפוואַרפן איבעריגע פחד אויפן ציבור. - די וויכטיקייט פון איינלאַדענען אָרעמעלייט צו אַ סעודת-מצוה.

❖

דער **קאזניצער מגיד** - ר׳ ישראל הופשטיין זי״ע, האט באוואונדערט דעם ספר און זיך אויסגעדריקט אויפן ״קב הישר״: ״אז מען לערנט א שטיקל זוהר וואס געפינט זיך אין ״קב הישר״, איז דאס מער מסוגל מעורר צו זיין דעם מענטשן צו יראת שמים, ווי ווען ער וואלט געווען געלערנט דאס זעלבע שטיקל אין זוהר אליין (מאיר עיני חכמים תנינא, אמור).

# אינהאלט
## פון פרקים ט׳-י׳

א. אין פרק ט׳ ווערט ערקלערט ווי אַזוי מנהיגים דאַרפן פירן זייערע קהילות מיט רחמים, און נישט אַרויפוואַרפן איבעריגן פחד אויפן ציבור ..... ה
ב. די גרויסהאַלטעריי פון אַ סאַך מנהיגים, צוליב וועלכע זיי מאַכן נישט לייכטער פאַר דעם ציבור דאָס צאָלן שטייערן וכדומה ..... ה
ג. דער מנהיג קען פיל לייכטער מאַכן פאַרן ציבור ..... ו
ד. די גזירה איז בטל געוואָרן, און עס איז שוין נישטאָ וואָס מורא צו האָבן ..... ח
ה. אַ וואָרענונג צו העלפן די אָרימעלייט ..... ט
ו. דער וואָס איז מקבל יסורים באהבה, ווערט געראַטעוועט פון גיהנום ..... י
ז. מ׳דאַרף מחזק זיין די אָרימעלייט, און מקבל פנים זיין געסט בסבר פנים יפות ..... י
ח. מיט געבן ברויט צו אַן אָרימאַן, שוואַכט מען אָפּ 480 כיתות פון טומאה ..... יא
ט. אין פרק י׳ ווערט ערקלערט: די וויכטיקייט פון איינלאַדענען אָרעמעלייט צו אַ סעודת-מצוה ..... יב
י. דורך דעם וואָס ער פאַרבעט אָרעמע לייט צו דער סעודה, ווערט דער קטיגור אַ סניגור ..... יב
יא. איך וועל בלייבן זיצן אַן אלמנה ביז השם יתברך וועט זיך דערבאַרעמען איבער מיר ..... יג

# פרק ט׳

## אין דעם פרק ווערט ערקלערט ווי אַזוי מנהיגים דאַרפן פירן זייערע קהילות מיט רחמים, און נישט אַרויפוואַרפן איבעריגע פחד אויפן ציבור

**א. טעם,** איך וועל שרייבן איין טעם פאַרוואָס די מנהיגים ווערן אָנגערופן אין פסוק נשיאים, דאָס איז ווייל אויב דער מענטש איז זוכה און פירט זיך מיט פאָרכט פאַר השם יתברך, ווערט ער אלעמאָל דערהויבן העכער און העכער, און אויך זיין נשמה אין עולם הבא איז צוגעבונדן צום היכל "צרור החיים" מיט די מעלות פון די הייליגע צדיקים.

**ב. מה שאין כן,** אָבער אַז דער מענטש פירט זיך נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין, איז ער אין דעם כלל פון פסוק (משלי כה, יד) "נְשִׂיאִים וְרוּחַ" דאס איז טייטש, וואָלקנס און ווינטן, ווייל אַזוי ווי דער וואָלקן ווערט פאַרלענדט און גייט אַוועק, און אַזוי ווי דער ווינט גייט אַוועק, אַזוי אויך דער מנהיג פון אַ קהילה וואָס איז זיך נישט נוהג ווי עס באַדאַרף צו זיין, און ער טראָגט נישט אויף זיך די משא פון אידן, און ער איז אַ בעל גאוה, גייט ער לא עלינו פלוצלונג אַוועק פון דער וועלט און צו זיינע קינדער איז קיין געדענקעניש נישטאָ.

## די גרויסהאַלטעריי פון אַ סאַך מנהיגים, צוליב וועלכע זיי מאַכן נישט לייכטער פאַר דעם ציבור דאָס צאָלן שטייערן וכדומה

**ג. ובפח זה,** און אין דער דאָזיגער נעץ ווערן אַריינגעכאַפּט אַ סאַך מנהיגים, צוליב זייער גאווה און הערשאַפט. זיי וואַרפן אָן אַ גרויסע פאָרכט אויף דעם ציבור נישט פאַרן אויבערשטנס וועגן, און זיי טוען זיך אָן גרויסע פאַרגעניגענס און העלפן נישט דעם ציבור

מיט די שטייערן, אויף זיך מאַכן זיי גרינג דעם שטייער, און אויף אַנדערע מאַכן זיי שווער, אין אַלע כבודים און גרויסקייט נעמען זיי אַ חלק צוערשט, און זייער פנים פלאַמט שטענדיג צוליב זייער טרינקען און זיך נאָכגעבן די פאַרגעניגנס פון זייער האַרץ. זיי זענען שטאַרק און געזונט, ווייל זיי געבן זיך נאָך אַלע פאַרגעניגנס.

**ד. ועדת ה׳,** און די געמיינדע, די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, זענען צעשטויסן און דערנידערט, זיי גייען נעבעך אַרום נאַקעט און באָרוועס, צוליב די שמשים וואָס מאָנען איין דעם שטייער און די באַדינערס פון קהל באַגזל׳נען זיי, און קומען מיט אכזריות אין זייערע הייזער, און כאַפּן און ראַבעווען פון וואָס זיי געפינען.

**זיי** זענען אַז די בעלי בתים זאָלן בלייבן בעירום ובחוסר כל, און זיי נעמען אפילו צו זייערע קליידער אויך, און אפילו זייער טלית און דעם קיטל, און פאַרקויפן עס פאַר ווייניג געלט, און אַפילו דאָס בעטגעוואַנד נעמט מען צו ביי זיי, און ביי די בעלי בתים בלייבט נישט מער ווי דאָס שטרוי אין די בעטן, און אין דער צייט ווען עס איז קאַלט אָדער עס גייט אַ רעגן ציטערן זיי נעבעך, און ער מיט זיין ווייב און קינדער וויינען יעדער אין אַ באַזונדער ווינקעלע.

## דער מנהיג קען פיל לייכטער מאַכן פאַרן ציבור

**ה. ואם היה,** אָבער אויב דער מנהיג וואָלט געהאָלפן דעם ציבור אין די שטייערן, וואָלט נישט אַזוי שווער געווען פאַר די מיטעלע לייט און פאַר די אָרימעלייט.

**עס** זענען פאַראַן אַזעלכע מנהיגים וואָס טוען נאָך אַ גרעסערע עבירה, מיט דעם וואָס זיי עסן און טרינקען פון קהל׳ס געלט, און זיי געבן דערפון נדן צו זייערע זיהן און טעכטער, און מתנות צו חתן-כלה, און דאָס געלט איז די רויב און שווערע האָרעוואַניע פון אידישע קינדער.

**ו. וועל איש,** און אויף אַזאַ מנהיג און אַזאַ פרנס גייט אַרויס פאַר איבן אַ כרוז און רופט אויס: דאָס איז דער וועלכער עסט דאָס בלוט און פלייש פון אידישע קינדער, ער באַ׳גזל׳ט אָרימעלייט און יתומים און אלמנות, און דער כרוז שעלט אים מיט פילע קללות, און זיין תפילה ווערט נישט צוגעהערט. דער אויבערשטער ברוך הוא זאָל אונז מציל זיין פון זיין שטראָף.

**דעריבער** דאַרף דער מנהיג אָדער פרנס זיין אַ דערבאַרעמדיגער און נישט קיין אכזר, און בפרט אויף די צובראָכענע כלים, דאָס זענען די אָרימעלייט און אביונים, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא וויל דעם כבוד פון די אָרימעלייט, ווייל אַז מען טוט אָן צרות חס ושלום פאַר די אָרימעלייט, ווערן דערוועקט בייזע גזירות חס וחלילה, אַזוי ווי מיר געפינען אין די כתבים פון דעם אר״י ז״ל די פאָלגענדע געשיכטע:

### דעם גרויסן צער וואָס דער אָרעמאַן האָט ווען עס קומט ערב שבת קודש

**ז. אַמאָל** איז דער אריז״ל געזעסן מיט זיינע תלמידים אויפ׳ן פעלד וואו ס׳איז באַגראָבן דער נביא הושע-בן-בארי. דער אריז״ל האָט גע׳דרש׳נט פאַר זיי סתרי-תורה. אינמיטן די דרשה האָט זיך דער אריז״ל אָנגערופן: למען השם, איילט זיך צו, נעמט צוזאַמען פון אייך צדקה, און לאָמיר שיקן פאַר אַן אָרימאַן וועלכער וואוינט נישט ווייט פון אונז, וואָס זיין נאָמען איז רבי יעקב אַלטרוץ, וועלכער זיצט און וויינט און באַקלאָגט זיך פאַר דעם אויבערשטן וועגן זיין אָרעמקייט, און זיין שטימע גייט אַרויף אויבן און שפאַלט אַלע הימלען ביז לפני ולפנים, און דער אויבערשטער ברוך הוא איז פול מיט צאָרן אויף די גאַנצע שטאָט צוליב אים, וואָס מען האָט נישט קיין רחמנות אויף אים.

**ח. און** יעצט הער איך דעם אויסרוף וואָס גייט איבער אַלע הימלען, מיט די גזירה פון דער פמליא-של-מעלה, אַז עס וועט קומען

אַ שווערער היישעריק אויף די גאַנצע געגנט פון צפת, און זיי וועלן אויפעסן די תבואה און אַלע שייערן, ביז די וויינגערטנער און די זיתים. דעריבער איילט זיך צו און לאָמיר שיקן צדקה צו אים, אפשר וועט מען נאָך קענען מבטל זיין די גזירה מיט דעם באַשעפער׳ס הילף!

**יעדער** איינער האָט גלייך געגעבן זיין נדבה, און דער אר״י ז״ל האָט געגעבן דאָס געלט פאַר זיין תלמיד רבי יצחק הכהן, און ער האָט אים געהייסן ער זאָל שנעל גיין צום הויז פון רבי יעקב אלטרו״ץ, און אים איבערגעבן דאָס געלט.

**וכך** הוה, רבי יצחק הכהן האָט אַזוי געטוהן. ער איז שנעל געגאַנגען צום הויז פון רבי יעקב אלטרו״ץ, און אים געטראָפן ווי ער זיצט און וויינט. פרעגט ער אים, רבי, פאַרוואָס וויינט איר? האָט רבי יעקב געענטפערט אַז עס האָט זיך ביי אים צעבראָכן דער פאַס פון וואַסער, און ער האָט נישט קיין פרוטה צו קויפן אַ צווייטן פאַס. איך ווייס נישט וואָס צו טוהן פון גרויס צער צוליב מיין ביטערע אָרעמקייט, האָט ער ווייטער געזאָגט. רבי יצחק האָט אים גלייך געגעבן דאָס געלט, ער האָט זיך זייער שטאַרק געפרייט דערמיט, און אים געבענטשט.

## די גזירה איז בטל געוואָרן, און עס איז שוין נישטאָ וואָס מורא צו האָבן

**ט. כשחזר**, ווען רבי יצחק האָט זיך אומגעקערט צום הייליגן אריז״ל, האָט ער אים געזאָגט: די גזירה איז בטל געוואָרן, און עס איז שוין נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

**אַזוי** ווי זיי רעדן, האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן זייער אַ שטאַרקער ווינט, וועלכער האָט געטראָגן ריזיגע מחנות מיט היישעריקן. די תלמידים האָבן זיך דערשראָקן, אָבער דער אריז״ל האָט זיך אָנגערופן: האָט נישט קיין מורא, די גזירה איז שוין בטל געוואָרן. און אַזוי איז טאַקע געווען, אַלע היישעריקן זענען אַריינגעפלויגן אין ים-הגדול און

דאָרט זענען זיי דערטרונקען געוואָרן, און עס איז נישט איבערגעבליב׳ אַפילו איינער.

## אַ וואָרענונג צו העלפן די אָרימעלייט

**י. ומכאן,** און פון דאָ איז אַ גרויסע וואָרענונג צו אַלע אידן אַז זיי זאָלן שטאַרק אַכטונג געבען אויף די אָרימעלייט, וואָס זיי ווערן אָנגערופן צובראָכענע הערצער, און השם יתברך רוהט שטענדיג צווישן זיי.

**אונזערע** חכמים ז״ל האָבן געזאָגט (בבא בתרא דף ט׳ עמוד ב׳) אַז דער וואָס גיט געלט אָדער עסן צו אַן אָרימאַן, דער ווערט געבענטשט מיט זעקס ברכות, און דער וואָס בעט אים נאָך איבער מיט גוטע רייד ווערט ער געבענטשט מיט עלף ברכות, ווייל דאָס האַרץ פון אַן אָרימאַן זיפצט שטענדיג, ווייל ער קען נישט דערגרייכן צו דערפילן זיין ווילן, וואָס ער וויל אויך האָבן גוטס און האָט עס נישט.

**יא. בהגיע,** ווען עס קומט די צייט פון קעלט, דער עושר, זיין הויז איז גוט געבוֹיט און ער זיצט זיך ווי א האַר אין דעם ווינטער שטוב, זיין אויוון איז וואַרעם און ביי אים אין שטוב איז אויך גאנץ וואַרעם, אָבער דער אָרימאַן, נישט גענוג וואס זיין הויז איז פול מיט לעכער, נאָר ער האָט אַפילו נישט פון וואָס צו קויפן האָלץ פאַר זיך, אַז ער זאל קענען גוט אָנוואַרעמען זיין לייב, און די קעלט צעברעכט זיין לייב און די לייבער פון זיין הויז געזינד.

**ווען** עס גייט אַ רעגן, רינט אַריין אין זיין שטוב און דאָס וואַסער גיסט זיך אויף זיין האלדז. אַלע טעג פון אַן אָרימאַן זענען מיט גרויס צער, און ער מיט זיין הויז געזינד זיפצן און שרייען, אָבער פונדעסטוועגן נעמען זיי עס אַלץ אָן מיט ליבשאַפט.

**יב. ובעת,** און ווען דער שבת און יום טוב קומען אָן, וואָס דעמאָלט איז די צייט זיך אָנצוגרייטן מיט עסן און טרינקען און

מיט שיינע קליידער, און דער אָרימאַן האָט נישט קיין ברויט, און פונדעסטוועגן גיט דער אָרימאַן אויף אַלעמען אָפּ אַ שבח והודאה צו דעם אויבערשטן, דער עושר איז משדך זיינע קינדער צו וועמען ער געפעלט, אָבער דער אָרימאַן, ווייל ער האָט נעבעך נישט די מעגלעכקייט צו טוהן אַ רעכטן שידוך, מוז ער טוהן וואָס פאַראַ שידוך מען טראָגט אים אָן, אַפילו אויב ער איז אַ בור און האָט נישט קיין שום ריח פון תורה און איז נישט קיין ירא שמים, און דאס איז גלייך ווי ער בינדט זי צו פאַר אַ לייב און זיינע אויגן זעהען ווי דער בור און עם הארץ שלאָגט יעדן טאָג זיין טאָכטער און זי ליידט יסורים, און ווער קען אויסשרייבן דאס ביטערקייט און דעם צער וואס דער אָרימאַן ליידט.

## דער וואָס איז מקבל יסורים באהבה, ווערט געראַטעוועט פון גיהנום

**אָבער** דער וואס נעמט עס אָן מיט ליבשאַפט, איז דאָס פייער פון גיהנום נישט שולט אויף אים (עירובין דף מ״א עמוד ב׳), און זיין שכר איז זייער גרויס, ווייל דער אָרימאַן איז אויף דער וועלט גערעכנט ווי איין מת, ווי די גמרא זאָגט (נדרים דף ס״ד עמוד ב׳).

## מ׳דאַרף מחזק זיין די אָרימעלייט, און מקבל פנים זיין געסט בסבר פנים יפות

**יג. ולכן**, און דעריבער בין איך מזהיר אַז דער וואס גיט געלט דעם אָרימאַן בשעת עס איז אים ענג, מוז ער זיין געוואָרנט אַז ער זאָל עס אים געבן אין אַ אופן ער זאָל אים נישט פאַרשעמען, נאָר ער זאָל אים געבן ווען קיינער זעט נישט, און אויב ער גיט אים דאָס געלט בפרהסיא, מוז ער עס געבן מיט אזעלכע רייד וואס זיי לייגן זיך אויף דעם האַרץ, דאָס הייסט ער זאָל אים אויסרעדן דאָס האַרץ, און דער וואָס איז אַ מכניס אורח זאָל ער יעדן אורח מקבל זיין מיט אַ פריילעך פנים.

## מיט געבן ברויט צו אַן אָרימאַן, שוואַכט מען אפּ 480 כיתות פון טומאה

**יד. הלא,** דאָס איז געוויס וואָס אונזערע חכמים זכרונם לברכה האָבן געזאָגט (שבת דף קכ"ז עמוד א'), די מצוה פון אויפנעמען געסט מיט אַ פריילעך פנים איז גרעסער פון מקבל פנים זיין די שכינה, און די מצוה איז זייער חשוב ביי דעם אויבערשטן, ווייל מיט דעם וואָס מען גיט אַ שטיקל ברויט צום אָרימאַן, מאכט מען שוואַך 480 כיתות פון משחיתים און לילית, די מוטער פון די שדים, וואָס זי קוקט שטענדיג אַרויס מקטרג צו זיין אויף אידן.

**דער** רמז פון דעם איז, אַז ברויט ווערט גערופן אויף לשון הקודש "פת", ת"פ צוריקוועגס איז "פת", קומט אויס אַז מיט דעם שטיקל ברויט וואָס מען גיט פאַר דעם אָרימאַן מאַכט מען שלאַף די אלע כיתות.

**טו. נחזור,** לאָמיר זיך צוריקקערן צו אונזער ענין וואס מיר האָבן געשמועסט אין אנהייב פון דעם פרק, אַז עס איז אַ גרויסע אזהרה אויף די מנהיגים פון דער קהילה אַז זיי זאָלן נישט וואַרפן אַן איבעריגע פאָרכט אויפן ציבור און זאָלן געבן שטייער אַזוי ווי אַלע מענטשן, און ער זאָל נישט זיין קיין חנופה מענטש, חס זיין אָדער חנפ'ענען דעם עושר אדער זיין משפחה, און דעם יאך צו געבן אויף די אָרימעלייט, זאָל ער אַזוי נישט טוהן.

**אויב** דער מנהיג וועט זיך אַזוי פירן, וועט דער אויבערשטער אויך אַזוי טוהן, און אין אַלע זיינע מעשים וועט ער באַגליקן און וועט זוכה זיין צו לעבן לאַנג, אמן.

❖ ❖ ❖

# פרק י

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: די וויכטיקייט פון איינלאַדענען אָרעמעלייט צו אַ סעודת-מצוה

**א. צריך,** דער מענטש זאָל זיין געוואָרנט ווען ער פּראַוועט אַ סעודת מצוה, ווי אַ ברית-מילה, אַ תנאים (אירוסין) אָדער אַ חתונה, איינצולאַדענען אָרעמע לייט אויף דער סעודה און זיי אויפנעמען מיט גוטע רייד, ווייל דער וואָס פּראַוועט אַ שמחה פאַר זיין זון אָדער אַ טאָכטער און רופט נישט קיין אָרעמע לייט אויף דער סעודה ווערט דערוועקט אַ קטרוג פון די שלעכטע לילית און פון סמאָל, וואָס זיי קענען ברענגען יסורים און שלעכטע זאַכען אויף דעם וואָס פּראַוועט די סעודה.

## דורך דעם וואָס ער פאַרבעט אָרעמע לייט צו דער סעודה, ווערט דער קטיגור אַ סניגור

**ב. כמו,** ווי מיר געפינען ביי דער סעודה פון אברהם אבינו, ווי עס שטייט אין מדרש (בראשית נה, ד): "וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה" (בראשית כב, א) - און עס איז געווען נאָך די דאָזיגע רייד ווען דער שטן האָט מקטרג געווען אויף אברהם וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר אַלע גדולי הדור, ווען יצחק איז אַלט געוואָרן צוויי יאָר, און קיין שום אָרעמאַן איז דאָרטן נישט געווען. ביז השם יתברך האָט געזאָגט צו אברהם, נעם דיין איינציקן זון יצחק און זיי אים מקריב פאַר אַ קרבן עולה. דאָס זעלבע געפינען מיר ביי איוב וואָס האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר זיינע קינדער און עס זיינען דאָרטן נישט געווען קיין אָרעמע לייט, האָט דער שטן מקטרג געווען ביז ער האָט געטויט איוב'ס זין און טעכטער און האָט ביי אים צוגענומען זיין רייכטום און זיינע בהמות; און זיין צאָרן האָט זיך נישט באַרואיגט ביז ער האָט געברענגט אויף אים יסורים. דעריבער דאַרף דער וואָס מאַכט אַ סעודה

זיין געוואָרט צו לאַדענען אָרעמע לייט צו דער סעודה אַז דער מקטרג זאָל נישט מקטרג זיין. נאָך מער דורך דעם וואָס ער לאַדענט אָרעמע לייט צו דער סעודה, ווערט דער קטיגור אַ סניגור, וועלכער זאָגט גוט פאַר'ן מענטשן, ווי מיר געפינען אין מדרש תנחומא פרשת האזינו (אות ח).

## איך וועל בלייבן זיצן אַן אלמנה ביז השם יתברך וועט זיך דערבאַרעמען איבער מיר

**ג. באדם,** אַ רייכער מאַן, האָט פאַרמאָגט פיל פאַרמעגן און איז געווען גרויס אין לערנען און אין חכמות און האָט געהאַט אַ טאָכטער אַ ערליכע און אַ צנועה. ער האָט איר פאַרהייראַט צו אַ חשובן מאַן און אין דער נאַכט פון דער חתונה איז ער געשטאָרבן. אַזוי האָט פאַסירט אַ צווייטן מאָל און אַזוי אויך אַ דריטן מאָל. האָט די אלמנה געזאָגט, איך וויל נישט אַז מענטשן זאָלן שטאַרבן צוליב מיר, איך וועל בלייבן זיצן אַן אלמנה ביז השם יתברך וועט זיך דערבאַרעמען איבער מיר, און זי איז געבליבן אַזוי אַ לאַנגע צייט.

## איין מאָל האָבן זיי נישט פאַרקויפט די האָלץ און זיי האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו קויפן ברויט

**ד. והיה,** און דער רייכער מאַן האט געהאַט אַ ברודער אין אַ צווייטע לאַנד, וועלכער האָט געהאַט צען זין און יעדן טאָג איז דער מאַן מיט זיין עלטסטן זון געגאַנגען אין וואַלד ברענגען האָלץ, זיי האָבן עס פאַרקויפט און דערפון האָבן זיי געשפייזט די פאַמיליע. איין מאָל האָבן זיי נישט פאַרקויפט די האָלץ און זיי האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו קויפן ברויט און אַזוי איז אַ דורך אַ גאַנצע נאַכט אָן נעמען אין מויל אַ שטיקל ברויט. אויף מאָרגן, גייענדיק אין וואַלד ברענגען האָלץ האָט דער פאָטער גע'חלש'ט און דער זון האָט אַראָפגעלאָזט טרערן אויף די גרויס אָרעמקייט פונעם פאָטער און זיך געוואָנדן צו השם יתברך.

**ה. והרהר,** און דער זון האָט זיך באַטראַכט, און נאָכ׳ בעטן ערלויבעניש ביים פאָטער איז ער געגאַנגען צום לאַנד וואו דער פעטער זיינער וואוינט. דער פעטער, זיין פרוי און די טאָכטער, די אלמנה, האָבן זיך מיט אים דערפרייט, זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט וואָס מאַכט דער פאָטער זיינער און די ברידער און זיינע קינדער. ער איז געבליבן ביי זיי זיבן טעג און נאָך די זיבן טעג האָט דער בחור געזאָגט צום פעטער, איך וויל פון דיר בעטן אַ זאַך, זאָג מיר אָבער נישט אָפּ. האָט אים דער פעטער געענטפערט בעט מיין זון וואָס דו ווילסט, האָט דער בחור געזאָגט איך וועל נישט בעטן ביז וען דו וועסט מיר שווערן און אַזוי האָט דער פעטער געטאָן.

## זאָל דיין האַנט זיין אין מיר און דער בחור זאָל נישט שטאַרבן

**ו. אמר,** האָט דער בחור געזאָגט, איך וויל ביי דיר בעטן דו זאָלסט מיר געבן דיין טאָכטער די אלמנה פאַר אַ פרוי. דערהערנדיק די בקשה, האָט זיך דער פעטער צעוויינט, און האָט אים געזאָגט: מיין זון, ביי איר פאַסירט, בעוונותינו הרבים, אַז די מענער שטאַרבן די ערשטע נאַכט. האָט דער בחור געענטפערט: פונדעסטוועגן נעמט ער עס אָן. האָט אים דער פעטער געזאָגט: אויב דו ווילסט איר צוליב דאָס געלט, לאָז איר אָפּ און איך וועל דיר געבן פיל זילבער, גאָלד און געלט ווייל דו ביסט אַ שיינער און אַ קלוגער בחור און איך ראַט דיר, זיך נישט איינצושטעלן. האָט דער בחור אים געענטפערט, דו האָסט שוין געשוואָרן אויף דער זאַך. ווען דער רייכער פעטער האָט געזען אַז דער בחור נעמט עס אָן, איז ער געגאַנגען צו זיין טאָכטער און איר דערציילט די זאַך. ווי די אלמנה האָט דאָס דערהערט האָט זי אָנגעהויבן שרייען און וויינען מיט אַ ביטער האַרץ און האָט געזאָגט: רבון כל העולמים, זאָל דיין האַנט זיין אין מיר און דער בחור זאָל נישט שטאַרבן.

## גלייך ווען דו וועסט אים זען זאָלסטו זיך אויפהויבן פון דיין אָרט און אים אַוועקזעצן לעבן דיר און אים געבן עסן און טרינקען און אים באַדינען וויפל נאָר מעגלעך

**ז. ואחר,** אין אַ צייט אַרום האָבן זיי חתונה געהאַט, און דער פאָטער פון די אלמנה, דער פעטער פון דעם חתן, האָט געלאַדנט די חשוב׳ע מענטשן פון שטאָט אויף דער חתונה, און האָט געמאַכט אַ באַזונדער צימער וואו דער חתן זאָל זיצן, און ווען דער חתן איז דאָרטן געזעצן איז צוגעקומען צו אים אַן עלטערער מענטש, דאָס איז געווען אליהו הנביא, און צו אים געזאָגט: מיין זון איך ראָט דיר אַ גלייכע עצה און טו ווי איך זאָג דיר, היינט ווען דו וועסט זיך זעצן צו דער סעודה וועט קומען צו דיר אַן אָרעמאַן וואָס עס איז נישטאָ זיין גלייכן, און גלייך ווען דו וועסט אים זען זאָלסטו זיך אויפהויבן פון דיין אָרט און אים אַוועקזעצן לעבן דיר און אים געבן עסן און טרינקען און אים באַדינען וויפל נאָר מעגלעך. אליהו איז אַוועק פונעם חתן.

**ח. ביינאַכט,** ביי דער חתונה-סעודה, ווען דער חתן איז געזעסן אויבן אָן, איז געקומען אַן אָרעמאַן און באַלד ווי דער חתן האָט אים דערזען האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אים אַוועקגעזעצט אויף זיין פלאַץ און האָט געטאָן געגנוי ווי דער זקן האָט אים אָנגעזאָגט. נאָך דער סעודה ווען דער חתן האָט געוואָלט גיין צו זיך אין צימער, איז דער אָרעמאַן אים נאָכגעגאַנגען און געזאָגט צו אים, דו זאָלסט וויסן זיין איך בין געשיקט פון השם יתברך מיט דעם ציל צו נעמען דיין נשמה. האָט דער חתן אים געזאָגט, גיב מיר צייט אַ יאָר צי אַ האַלב יאָר. האָט אים דער אַלטער געענטפרט, ניין, איך קען עס נישט טאָן. האָט אים דער חתן ווידער געבעטן, גיב מיר צייט דרייסיק טעג. האָט אים דער אַלטער געענטפערט, ניין, איך קען עס נישט טאָן. האָט אים דער חתן ווידער געבעטן, גיב מיר צייט זיבן טעג פאַר די שבעת ימי המשתה. האָט אים דער אַלטער געענטפערט, ניין,

איך קען דיר נישט טאָן גוטס אַפילו איין טאָג, וויבאַלד עס איז געקומען דיין צייט.

**ט. א״ל,** האָט דער חתן געבעטן, ערלויב מיר זיך צו געזעגענען פון מיין פרוי און פון מיין שווער. האָט ער אים געענטפערט, דאָס וועל איך דיר טאָן, וויבאַלד דו האסט געטאָן מיט מיר אַ גמילות חסד, גיי און קום גלייך צוריק. דער חתן איז געגאַנגען צו דעם צימער וואו די כלה איז דאָרטן געזעסן אַ איינציקע, געוויינט און געבעטן ביי השם יתברך. ווען דער חתן איז געקומען צו די כלה און האָט איר געבעטן צו עפענען די טיר, האָט זי אים געפרעגט פאַר וואָס ביסטו געקומען צו מיר, האָט ער געזאָגט איך בין געקומען בעטן דיין ערלויבעניש, ווייל עס איז געקומען מיין צייט צו שטאַרבן. דער מלאך המות איז געווען ביי מיר און האָט מיר געזאָגט אַז ער איז געקומען נעמען מיין נשמה. האָט זי אים געזאָגט דו וועסט נישט גיין, די בלייב דאָ און איך וועל גיין צו דיר אין צימער און איך וועל רעדן מיט אים. איז זי געגאַנגען און אים געפונען.

## השם יתברך איז אמת און זיין תורה איז אמת

**י. אמרה,** האָט זי געפרעגט ביי דעם מלאך: ביסטו דער שליח וואָס איז געקומען נעמען די נשמה פון מיין מאַן? האָט ער געענטפערט: יאָ. האָט זי אים ווידער געפרעגט: עס שטייט דאָך אין דער תורה (דברים כד, ה): ״כִּי יִקַּח אִישׁ אִשָּׁה חֲדָשָׁה לֹא יֵצֵא בַּצָּבָא וְלֹא יַעֲבֹר עָלָיו לְכָל דָּבָר נָקִי יִהְיֶה לְבֵיתוֹ שָׁנָה אֶחָת וְשִׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ אֲשֶׁר לָקָח״ - אַז אַ מענטש וועט חתונה האָבן מיט אַ נייע פרוי, זאָל ער נישט גיין צו דער מלחמה, און מען זאָל אים נישט באַנוצן פאַר קיין שום זאַך, ער זאָל זיין פריי אין דער היים איין יאָר, און זאָל פריילען מאַכן די ווייב וואָס ער האָט גענומען. און השם יתברך איז אמת און זיין תורה איז אמת, און אַז דו וועסט נעמען די נשמה פון מיין מאַן דאַן וועט די תורה זיין חס וחלילה ליגן. אויב דו נעמסט אָן מיינע רייד איז

גוט, און אויב נישט קום מיט מיר פאַר דעם בית הדין הגדול אין הימל פאַר השם יתברך.

## חסד מיט אָרימעלייט ראַטעוועט פון טויט

**יא. שמע,** דער מלאך האָט געהערט און האָט צו איר געזאָגט, צולין: דעם וואָס דיין מאַן האָט געטאָן גוטס מיט מיר און האָט מיך מכבד געווען, וועל איך גיין צו השם יתברך און אים דער ציילן דיינע ווערטער. דער מלאך איז אַוועק פרעגן ביי השם יתברך און אין אַן אויגן-בליק איז ער צוריקגעקומען אַ פריילעכער און געזאָגט אַז השם יתברך האָט געשאָנקען דעם חתן זיין לעבן צוליב דעם גמילות חסד וואָס ער האָט געטאָן מיטן אָרעמאַן.

## דאָס אַלץ האָט פאַראורזאַכט די גוטס וואָס דער חתן האָט געטאָן מיט דעם אָרעמאַן

**יב. וכל,** און אַ גאַנצע נאַכט איז דער טאַטע פון די כלה און איר מאַמע געווען באַזאָרגט איבערן גורל פונעם איידעם, און אין דער פרי זענען זיי אַריין אין צימער און האָבן זיך געפרייט אַלע צוזאַמען און געלאָזט וויסן וועגן דער געשעעניש אַלעמען, זיי האָבן געדאַנקט און געלויבט השם יתברך. דאָס אַלץ האָט פאַראורזאַכט די גוטס וואָס דער חתן האָט געטאָן מיט דעם אָרעמאַן.

**יג. על כן,** דעריבער דאַרף דער מענטש זיין געוואָרנט נישט צו ווייזן אַ צאָרנדיק פנים צו די אָרעמע-לייט וועלכע קומען צו אים אין הויז, און זיכער נישט שרייען אויף זיי ווען זיי קומען צו אַ סעודת מצוה, וויבאַלד דער בעל הבית פאַרשעמט די אָרעמע-לייט ווערט דורך דעם קיין גוטס נישט פאַרשאַפן. דעריבער זאָל זיך דער מענטש נישט ערגערן ווען עס קאָסט אים אָפּ מער, ווייל דורך דעם ווערט פאַרגעבן די זינד און טייל מאָל אַ הצלה פון טויט צו לעבן.

**דאָס עסן פון אָרעמע-לייט ביי אַ סעודה איז מכפר, פונקט ווי ביים קרבן, די כהנים עסן און די בעלים האָבן אַ כפרה**

**יד. כמ״ש**, אַזוי ווי עס שרייבט דער גרויסער מהר״ם בבלי זכרונו לברכה אין דעם ספר ״טעמי המצות״ (מצוות עשה, אות מ׳): ״תּוֹעֶלֶת גָּדוֹל לְבַעֲלֵי הַסְּעוּדָה בַּמֶּה שֶׁאוֹכְלִים הַקְּרוּאִים עֲנִיִּים, שֶׁהוּא מַמָּשׁ דֻּגְמַת קָרְבָּן, שֶׁהַכֹּהֲנִים אוֹכְלִין וּבְעָלִים מִתְכַּפְּרִים. וְיִתֵּן בְּטוּב עַיִן, וְאָז נֶאֱמַר עָלָיו (משלי כב, ט): ׳טוֹב עַיִן הוּא יְבֹרָךְ׳״ - עס איז אַ גרויסע תועלת פאַר די וועלכע מאַכן אַ סעודה, דורך דעם וואָס אָרעמע-לייט נעמען אָנטייל אין איר, וואָס איז ממש געגליכן צו אַ קרבן, וואָס די כהנים עסן און די בעלים האָבן אַ כפרה, און ער זאָל עס געבן מיט אַ גוטע שטימונג און דאַן ווערט אויף אים געזאָגט: דער ״וואָס גיט מיט אַ גוטע אויג, דער ווערט געבענטשט״.

# הוספות לפרק ט׳

## ענף א׳

## די גרויסע מצוה פון הכנסת אורחים, ובפרט ביי ארעמעלייט און צובראכענע מענטשן

**א)** די גרויסע מצוה פון הכנסת אורחים[א] לערנט מען אראפ פון אברהם אבינו, אז אויב מען האט געסט ביי די סעודה, זאל מען דערלאנגען דאס עסן ווי שנעלער, און אויב דאס מוז זיין דורך נעמען א העלפער זאל ער עס טאן און נישט מקפיד זיין דוקא אליין צו טאן אויפן חשבון פון אורח, (אגד״כ פ׳ וירא) אין אזא צייט זאל ער געבן דאס ביליגערע דורכ׳ן שליח צ.ב.ש. וואסער, ווייל עס קען זיין א חשש אז ביי אנדערע זאכן וועט ער קארגן (שם).

---

א) ובמדרש תנחומא על פסוק יוקח נא מעט מים איתא בזה״ל: אמר לו הקב״ה, אתה אמרת יקח, בו בלשון אני גואל את בניך, ולקחתי אתכם לי לעם (שמות ו׳), הרי בעולם הזה, בעולם הבא מנין? דכתיב (ירמיה ג׳) ולקחתי אתכם אחד מעיר ושנים ממשפחה והבאתי אתכם ציון, וכן איתא בילקוט שמעוני. ועיין בספורנו על פסוק (דברים לב, כו) אמרתי אפאיהם אשביתה מאנוש זכרם, שכתב ״אמרתי אפאיהם - אשאיר איזה פאה מהם, והמותר אכלה, כמו שאעשה באחרית הימים, אחרי שלא השגתי שלימותם לא במתן תורה, לא בארץ ישראל ולא בגלות, כאמרו: ״כי בהר ציון ובירושלים תהיה פליטה כאשר אמר ה׳, ובשרידים אשר ה׳ קורא״. (ועיין סנהדרין קי״א, יומא פ״ו ובמהרש״א שם עה״פ הנ״ל, ועיין אברבנאל ואלשיך הק׳ זכרי׳ יג-יד באריכות גדול).

ועפ״ז אפשר לומר, דהנה אמרו רז״ל דקודם ביאת המשיח ישאר רק אחד בעיר ושנים במשפחה שיזכו לילך לקראת משיח צדקנו. וי״ל דזהו מה שכתב הספורנו **אשאיר איזה פאה מהם**, פי׳ שישארו אחד בעיר ושנים במשפחה. ועיין בספר דברי אמונה שהביא דרק ר״מ אנשים ישארו לפליטה כאשר יבוא משיח צדקינו. והדברים מרפסין איגרא.

היוצא לנו מכל זה שישארו מספר קטן כזה של אנשים אחר ביאת המשיח, ומכל מקום מצינו בגודל מעלת המכניס אורחים לביתו שהוא מאותן אנשים אשר עליהן אמר הקב״ה אשאיר איזה פאה מהם, שישארו אחד בעיר ושנים במשפחה.

לקראתם, "רץ" אברהם, "וימהר אברהם", "מהרי שלש סאים", "וימהר לעשות אותו". וואס לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואָס ז׳אַרף די תורה מדגיש זיין אַז ער האָט זיך געאיילט און צוגעאיילט די אַנדערע שטוב מענטשן צוצוגרייטן שנעל דאָס עסן פאַר די געסט.

**קען** מען זאָגן די כוונה דערפון, לויט ווי רש"י זאָגט אַז אברהם אבינו ע"ה האָט זיי געגעבן צו עסן ג׳ לשונות בחרדל. דאַרף מען פאַר׳שטיין, פאַרוואָס האָט ער זיי פונקט געגעבן דווקא די צונגען, און נ׳שט אַן אַנדערן חלק פון די בהמה, ווי די לעבער, דער מח און אַנדערע חלקים. נאָר די כוונה איז ווייל צוצוגרייטן די צונג דויערט די ווייניגסט צייט, אַזוי ווי מ׳שחט די בהמה שלעפט מען אַרויס די צונג דורכ׳ן מויל און מען שניידט עס אפּ, און דאס בראָטן דויערט אויך זעהר שנעל, זוין איין מינוט ווערט עס פאַרברענט. דעריבער האָט אברהם זיי געגעבן צו עסן די צונגען, וואָס ווערט צוגעגרייטן אומשנעלסטן, ווייל פאַר די געסט דאַרף מען זיך צואיילן צו געבן אומשנעלסטן, זיי זאָלן נישט דאַרפן וואַרטן אויף דעם מאכל.

**דאָס** איז אויך די כוונה וואָס די תורה הקדושה איז מדגיש עטליכע מאָל אַז אברהם אבינו האָט זיך געאיילט און געאיילט די שטוב מענטשן צו געבן עסן פאר די געסט, צו ווייזן אַ כלל אין הכנסת אורחים, נישט אויפצוהאלטן די געסט אפילו איין רגע.

**ב)** די שטאט מענטשן קענען צווינגען איינער דעם אַנדערן אריינצונעמען אורחים (הר"ם, מרדכ"י, ש"ך רנ"ו סק"א).

**ג)** הכנסת אורחים קען אן ארימאן אויך מקיים זיין דורך געבן שלאפן פאר אורחים, און רוב זענען טאקע ארימעלייט ווייל די רייכע שוינען זייערע בעטן און שטיבער מען זאל עס נישט שמוציג מאכן (חסל"א).

**ד)** מען דארף רעדן ווייניג און טאן א סאך (חסל"א סי׳ ח׳).

**ה)** פון אברהם אבינו לערנט מען ארויס אז מען טאר נישט אויפהאלטן אן אורח אויב ער האט נישט קיין צייט (חסל״א סי׳ ח׳), דער צדיק רבי יצחק׳ל פון ראדוויל זצ״ל פלעגט זאגן, פארוואס שטייט נישט בפירוש אין די תורה מען זאל מקיים זיין הכנסת אורחים, דאס איז דאך זייער א גרויסע מצוה? דער תירוץ איז וויל דעמאלט וואלט מען גישט געלאזט דעם אורח גיין אפילו אויב ער וואלט געשריגן אז ער וויל נישט, ער האט נישט קיין צייט, ווייזט די תורה אז נישט אייביג איז די מצוה אריינצושלעפן דעם אורח.

**ו)** מען דארף שנעל גרייט מאכן דאס עסן, און יעדע מאכל זאפארט ווי עס ווערט פארטיג צוברענגען (מדרש וירא, ב״מ, אהב״ח, חסל״א).

**ז)** מען דארף אויפנעמען די אורחים מיט גרויס פרייד, און נישט פארציילן פאר זיי די אייגענע פראבלעמען, נאר אדרבה זיי אויסצוהערן און טרייסטן (אהב״ח, חסל״א).

**ח)** פאר׳ן ארימאן דארף מען געבן דאס בעסטע עסן וואס ער האט אנגעגרייט צו די סעודה (רמב״ם ה׳ מת״ע, יור״ד רמ״ח סעי׳ ח׳) נישט ווי די וואס עסן בריות און פאר׳ן אורח קארגן זיי.

**ט)** מען זאל נישט ברוגז זיין אויב דער ארימאן עסט מיט אפעטיט, נאר אדרבה זיך פרייען (סי׳ ת״ש חסל״א).

**י)** אין ספר רמתים צופים ווערט געברענגט אז א גרויסער מכניס אורח האט אויפגעהערט געבן ברוינפן פאר א שיכור וואס האט זיך געוואלגערט אין די מיסטן און די פרנסה האט זיך אים אפגעשטעלט ווילאנג ער האט דאס פאראכטן (שם).

## ענף ב׳

**א)** ווען עס איז א יקרות דארף מען געבן פאר די אורחים מער צו עסן וויל דעמאלט איז מען מער הונגעריג (חסל״א בשם הרה״ק רבי ר׳ מענדעלע מרימנוב זצ״ל).

**ב)** מען דארף ווייזן ווי דאס ביה״כ איז (שם).

**ג)** אויב דער אורח דערציילט עפעס אדער זאגט ד״ת כדי מקרב זיין די מענטשן צו זיך זיי זאלן אויך העלפן זאל מען אים נישט אפווענדן, ווייל דאס איז זייער א גרויס צער פאר׳ן אורח, נאר אויסצוהערן וואס ער האט צו זאגן. דאס איז אויך א גמ״ח, דאס זעלבע ביי יעדן מענטש (חסל״א ס״ח).

**ד)** דער בעל בני יששכר שרייבט אז דערפאר האט שרה געזאט א באזונדער געצעלט ווייל ביי אברהם האבן זיך שטענדיג געדרייט אורחים, זאלן זיי נישט נכשל ווערן מיט הסתכלות (אגד״כ פ׳ וירא), כאטש ביי איר האט עס נישט געשאט (עי׳ זוה״ק פ׳ חיי).

**ה)** די מצוה פון הכנסת אורחים איז גלייכצייטיג א גרויסע סגולה געהאלפן צו ווערן מיט קינדער (תנחומא פ׳ תצא), אין דעם זכות פון הכנסת אורחים וועט דער באשעפער אים מיט זיינע קינדער ראטעווען פון אלע צרות (אהבת״ח פ״א ח״ג).

**ו)** איידער מען ברענגט נאך צו עסן זאל מען מכבד זיין די אורחים זיך אראפצוזעצן אפרוען (שם פ״ב).

**ז)** מען דארף אליין באדינען דעם אורח און מחנך זיין די קליינע קינדער אויך אזוי (שם).

**ח)** עס שטייט אין זוה״ק אז עס איז א מצוה אז דער בעה״ב זאל אליין אפשניידן ברויט פאר׳ן אורח כדי ער זאל זיך נישט שעמען (שם).

**ט)** מען טאר נישט קוקן אויף אים ווען ער עסט (או״ח ס׳ ק״ע, ואחרונים שם).

**ט)** מען זאל געבן פאר׳ן אורח דעם באקוועמסטן געלעגער, כדי ער זאל זיך גוט אויסרוען, אמאל איז נאך מער טובה פאר׳ן אורח דער געלעגער ווי דאס עסן (שם).

**י)** א פרוי וואס זאגט אז זי קען נישט געבן פאר אן אורח נאר אויב זי קאכט און גרייט געהעריג צו פון פאראויס איז דאס בלויז קארגשאפט,

דער עיקר מצוה איז צו לאזן דעם אורח צו וואס מען האט אין שטוב, און דאס זאל מען געבן מיט א גוט הארץ (באר מים חיים וירא).

**יא)** מען דארף זיך אויפשטעלן לכבוד די אורחים (שם).

**יב)** אויב עס קומט אן אורח זאל מען אים נישט פרעגן אין לערנען זאכן, נאר אויב מען איז זיכער אז ער וועט וויסן צו ענטפערן (ס״ח שי״ב).

**יג)** דער בעה״ב זאל זיך נישט פירן פארן אורח מער ווי די גרויסקייט פון אורח, כדי דער אורח זאל נישט מקנא זיין דעם בעל הבית (קדושת לוי וירא, ד״ה והוא).

**יד)** עס טרעפט אמאל אז מען האט מורא צו רופן אן אורח ווייל מען האט נישט עפעס ממשות׳דיג מיט וואס מכבד צו זיין דעם אורח, דעמאלט אויב עס איז דא א צווייטער וואס קען אים יא מכבד זיין ווי געהעריג זאל יענער אים נעמען, אויב נישט, זאל ער אים געבן וואס ער האט (אהב״ח ח״ג פ״ב, ועי׳ לעיל אות י״א).

**טו)** כדי מקבל פנים זיין דעם אורח מעג מען זיין אויסגעדרייט מיט׳ן רוקן צום רבי׳ן (קול אלי׳ וירא).

**טז)** עטליכע מאל איז דער בעש״ט הק׳ זצ״ל געוועזן ביים נודע ביהודה זצ״ל, און דארט איינגעשטאנען. דער נודע ביהודה אליין פלעגט עוסק זיין אין הכנסת אורחים, און דערלאנגען טיי פאר׳ן בעש״ט, האט דער בעש״ט געזען אז דער נודע ביהודה האט דורך אים ביטול תורה, האט ער אויפגעהערט איינשטיין ביי אים (בית רבי פכ״ח).

**יז)** עס געהער צו די מצוה ווי גרינגער צו מאכן פאר׳ן אורח דאס עסן און טרינקען (עי׳ אוה״ח חיי, ותאמר).

**יח)** דער אורח טאר נישט שפירן אז דער בעה״ב איילט זיך, ווייל דאס ברענגט דעם אורח צו עסן שנעל (עי׳ שם).

**יט)** אפילו אליין טאר מען נישט עסן איידער מען גיט פאר ד׳ בעלי חיים, אבער פאר אן אורח גיט מען פריער, (עי׳ א״ר קס״ז, ובתורת משה לחת״ס עה״ת פ׳ חיי).

**כ)** לויפן קעגן אן אורח מאכט ביים אורח דעם איינדרוק אז ער איז חשוב און צופרידנשטעלנד פאר׳ן בעל הבית (ספורנו פ׳ וירא). לויט טייל פוסקים איז א מצוה צו לויפן אפילו דארט וואו דער אורח באדערקט נאך נישט (שכנה״ג או״ח סי׳ ד). לויט אנדערע נאר פון דעם פלאץ וואס דער אורח זעט (א״ר שם, עי׳ אגד״כ פ׳ וירא דתלוי בפלוגתא דשם לענין תפלה, וכמו״כ הכא לענין אורחים, וע״כ כה״ם שם).

## ענף ג׳

**א)** די מצוה פון הכנסת אורחים גייט אן אויך ביי עשירים (ס׳ יש נוחלין בשם מהרי״ל) נאר ביי ארימע-לייט איז מען מקיים דערביי צדקה אויך (ליקוטי מהרי״ל, ס׳ החיים, אמרי ברוך יור״ד רמב״ב, אהב״ח ח״ג פ״א).

**ב)** דער טעם פארוואס מען זאגט נישט לשם יחוד פאר׳ן מקיים זיין די גרויסע מצוה פון הכנסת אורחים, ווייל די מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער ווי קבלת פני השכינה (עיין שבת קכ״ז ע״א), ממילא איז נישט שייך צו זאגן לשם יחוד (דגל מחנה אפרים, טעה״מ עניני ציצית)[ב].

---

ב) ואפשר לומר דלכן נאמר זה במסכת שבת דף קכ״ז דייקא, לרמז למה שהיתה שרה אמנו ע״ה קכ״ז שנה. גם נכתב הדבר במסכת שבת דייקא, לרמז על זה ששבת הוא עיקר זמן הכנסת אורחים, להכניסם לביתו שיסעדו אצלו שלש סעודות שבת, ועוד יש לרמז כיון דגדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה, וגם בשבת מקבל איש הישראלי את פני השכינה, כמאמרינו פני שבת נקבלה. וסעודת שבת הוא סעודתא דמלך מלכי המלכים הקב״ה, כמו שאומרים אתקינו סעודתא דמלכא וכו׳, ולכן נרמז דבר זה במסכת שבת דייקא, וק״ל.

ואפשר לומר הרמז במה שאומרים אתקינו סעודתא דמלכא, עפימ״ד בזה״ק דאם אינו מכניס אורחים לביתו, הסעודה אינה של הקב״ה אלא סעודת כריסו. ולכן כיון שמוטל על האדם להזמין אורחים לסעודת שב״ק, על כן אומרים אתקינו סעודתא דמלכא, לרמז שהכניס אורחים לביתו וסעודתו תהיה סעודת השי״ת ולא סעודת כריסו בלבד.

ג) נאך א טעם קען זיין ווי די גמרא ברענגט ביי נחום איש גם זו (תעני' ז) אז פון ווארטן אביסל ביז ער האָט געגעבן צו עסן פאַר דעם ארימאַן איז דער ארימאן אויסגעגאנגען, און אזוי שטייט אין ש"ע סימן רנ"א אז ווער עס קומט און בעט עסן גיט מען אים תיכף, דעריבער זאל מ'זיך טאקע געווארנט זיין און נישט מאכן צופיל הכנות פאר'ן געבן, און זיי סברא איז זייער פשוט, ביי אן אנדערע מצוה וואס דער לשם יחוד שטערט נישט די מצוה, איז אדרבה זייער וויכטיג די הכנה למצוה, אבער ביי הכנסת אורחים וואו יענער ווארט נעבעך, ער איז הונגעריג און אומגעדולדיג, איז יעדע רגע הכנה מבטל די מצוה פון הכנסת אורחים ווייל די מצוה איז יענעם צו זעטיגן, און דא לאזט ער אים נאך הונגערן, ווילאנג ער ענדיגט מיט די הכנה.

❖ ❖ ❖